**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, מעיאר בראון און די 5/14 דענקמאל קאמיסיע דעקן אויף ענדגילטיגע דעזיין פון דענקמאל באעהרנדיג קורבנות פון TOPS שיסעריי אין באפעלאו**

***גאווערנער אנאנסירט נאך צוזאגן פון די סטעיט אין ווערט פון 4.1 מיליאן דאלאר, ברענגענדיג סטעיט'ס סך הכל פינאנצירונג צו 5 מיליאן דאלאר***

***"אונז זעהן" איז אויסגעקליבן געווארן פון 20 פארגעשלאגענע דעזיינס, און עס איז די רעזולטאט פון א חודשים-לאנגע פובליק מיטארבעט קאמפיין וואס האט געהאלפן ווייזן די וועג פאר דעם דעזיין פראצעדור***

***זעט די פלענער [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול, סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון און די 5/14 דענקמאל קאמיסיע, צוזאמען מיט די פאמיליעס פון די אומגעקומענע און פארוואונדעטע און אנדערע קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן האבן היינט אויפגעדעקט די ענדגילטיגע דעזיין פון א קביעות'דיגע דענקמאל צו באעהרן די קורבנות פון די ראסיסטיש-געטריבענע מאי 14, 2022 Tops שיסעריי אין באפעלאו. "אונז זעהן" (Seeing Us), דעזיינט דורך דזשין יאָנג סאנג און דאגלעס עליגוד, איז אויסגעקליבן געווארן פון צווישן 20 פארגעשלאגענע דעזיינס און איז געווען איינס פון די דריי לעצטע קאנדידאטן וואס זענען אויסגעקליבן געווארן דורך די קאמיסיע. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט נאך סטעיט אינוועסטירונג אין ווערט פון 4.1 מיליאן דאלאר צו אויסוועהלן די לאקאציע, דעזיינען און בויען די דענקמאל, ברענגענדיג די סך פון די סטעיט'ס צוגעזאגטע געלטער צו 5 מיליאן דאלאר.

"אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די טרויעריגע צווייטע יארטאג פון ווען אונזערע שכנים זענען זינלאז אויסגעשאכטן געווארן בלויז צוליב די קאליר פון זייער הויט, טוהען מיר זיך פונדאסניי פארפליכטן צו שטיצן די איסט באפעלאו קאמיוניטי, געדענקנדיג די וועם מיר האבן פארלוירן און שטיצנדיג די וועלכע זענען פארוואונדעט געווארן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היינטיגע אויפדעקונג פון די ענדגילטיגע דעזיין אויסגעוועהלט דורך די 5/14 דענקמאל קאמיסיע קומט אלס רעזולטאט פון פילע באגעגענישן און אפהאנדלונגען מיט די פאמיליעס פון די באטראפענע ווי אויך מיט די קאמיוניטי. איך באדאנק מעיאר בראון, גייסטליכער בלו און די מיטגלידער פון די קאמיסיע פאר זייערע באמיאונגען ביים נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאבע צו באעהרן די לעבן און שאפן פון די וועם מיר האבן פארלוירן און די קאמיוניטי וואס איז באטראפן געווארן פון די טראגעדיע."

**סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "די צווייטע יארטאג פון די 5/14 ראסיסטיש-געטריבענע מאסן שיסעריי איז בלויז שטונדן אוועק. עס איז – און וועט שטענדיג זיין – א טרויעריגע פלעק אין אונזער שטאט'ס היסטאריע. אונזער שטאט און ראיאן וועלן פארזעצן צו באוויינען די לעבנס וועלכע זענען אוועקגענומען געווארן דורך א ווייסער ראסיסט פון אינדרויסן פון שטאט אויף יענעם טאג.

איך בין שטאלץ מיט אלע ארבעט וואס די 5/14 דענקמאל קאמיסיע האט געטוהן צו בויען א דענקמאל וואס שפיגלט אפ די וואונטשן פון די פאמיליעס און די קאמיוניטי. איך באדאנק אויך די ארגאניזאציעס און ביזנעסער וועלכע האבן אונז געהאלפן אין דעם פראצעדור."

די ענדגילטיגע דעזיין שלאגט פאר צען באהאפטענע זיילן, מיט די נעמען פון די קורבנות און איבערלעבער איינגעקריצט, יעדע איינס מיט אן אייגנארטיגע רונדעכיגע עפענונג און הייעך געמאכט פון שטיין. עס רעכנט אויך אריין א באגלייטנדע געביידע וואס אפערירט אלס א צענטער פאר אויפקלערונג, אויסשטעלונגען, קאמיוניטי אקטיוויטעטן, פארזאמלונגען און געשעענישן. באזיכער וועלן אויך טרעפן א הויכע 'מעמאריעל וואלק' אויף די דאך פון די באגלייטנדע געביידע.

די ענדגילטיגע דעזיין פאלגט נאך א [פובליק מיטארבעט קאמפיין] וואס האט זיך אנגעהויבן אין מאי פון 2023, וואס האט אריינגערעכנט עפנטליכע באגעגענישן און א קאמיוניטי סורוועי. די 5/14 דענקמאל קאמיסיע קאמיוניטי סורוועי האט געגעבן א טשאנס פאר די פובליקום צו מיטטיילן זייערע געדאנקען און געפיהלן איבער די אייגנשאפטן און עלעמענטן וואס זאלן אריינגעלייגט ווערן אין די 5/14 דענקמאל.

צוואנציג דעזיין פארשלאגן זענען אנגענומען געווארן פון נאוועמבער 1 ביז דעצעמבער 18, 2023, מיט דריי דעזיינס ווערנדיג איבערגעלאזט אלס ענדגילטיגע קאנדידאטן. די 5/14 דענקמאל קאמיסיע האט געארבעט מיט די פאמיליעס פון די אומגעקומענע און פארוואונדעטע אום מאי 14, 2022, און ביים ענדע האבן זיי אויסגעקליבן די ענדגילטיגע דעזיין זיך איינהערנדיג צו די פאמיליעס.

די פערמאנענטע דענקמאל איז ערווארטעט צו קאסטן נאענט צו 15 מיליאן דאלאר, און די קאמיסיע וועט יעצט אנהויבן אן איין-יאר-לאנגע געלט אויפטרייבונג קאמפיין צו אויפטרייבן די רעשט פון די געלטער וואס פעהלן זיך אויס צו אנהויבן די ארבעט. גאווערנער האקול האט שוין אין די פארגאנגענהייט געהאט אנאנסירט אן ערשטיגע אינוועסטירונג פון $900,000, און זי האט אנאנסירט נאך 4.1 מיליאן דאלאר. מעיאר בראון האט אנאנסירט פריער דעם חודש אז די סיטי אָוו באפעלאו וועט ביישטייערן 1 מיליאן דאלאר פאר די דענקמאל.

נאכפאלגנדיג די ווייסע ראסיסטישע טערארר אטאקע אום מאי 14, 2022, ביי די Tops Friendly Markets, האט גאווערנער האקול אנאנסירט [50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען] אלץ טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די באלדיגע באדערפענישן פון די קאמיוניטי. די גאווערנער האט אנאנסירט [נאך 10 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג] אויף די ערשטע יארטאג פון די טראגישע שיסעריי. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן ווייטער צו ארבעטן צוזאמען מיט די פעדעראלע רעגירונג, שטאט, קאונטי, פילאנטראפישע און ביזנעס שותפים און קאמיוניטי פירער צו אדרעסירן לאנג-טערמיניגע געברויכן אין די קאמיוניטי.

די וועלכע זענען פארלוירן געווארן אין די מאסן שיסעריי אום מאי 14 זענען פערל יאנג, רוט וויטפיעלד, מארגוס ד. מאריסאן, אנדרעי מעקניעל, ערען סעלטער דזשוניאר, דזשעראלדין טעלי, קעטערין מעסי, ראבערטא א. דרורי, העיווערד פעטערסאן און סעלעסטין טשעיני. די פארוואונדעטע איבערלעבער זענען זאַיער גודמען, דזשעניפער ווארינגטאן און קריסטאפער ברעידען.

**5/14 דענקמאל קאמיסיע פארזיצער, גייסטליכער מארק ע. בלו, האט געזאגט**, "איך האב דאס געזאגט פון די אנהויב פון דעם פראצעדור — אז מיר האבן בלויז איין טשאנס דאס צו טוהן ווי עס דארף צו זיין. מיר האבן איבערגעקוקט די פארשלאגן. מיר האבן גערעדט מיט די פאמיליעס, און איך בין רואיג אז מיר האבן געמאכט א גוטע אויסוואהל. וואס האט פאסירט אום 5/14 איז געווען אן אקט פון זינלאזע געוואלדטאטן און אן אקט פון האסע. עס איז מיין כוונה צו זיכער מאכן אז מיר האבן א דענקמאל מיט וועלכע די פאמיליעס און קאמיוניטיס קענען זיין שטאלץ."

**קאנגרעסמאן טים קענעדי האט געזאגט,** "אונזער שטאט זעצט פאר צו באוויינען די פארלוסט פון די צען טייערע נפשות וואס זענען געגנב'ט געווארן פון אונז אום 5/14. מיר זענען זיך צוזאמגעקומען אלס א קאמיוניטי צו שטיצן די פאמיליעס וועלכע האבן פארלוירן זייערע באליבטע, און עס איז פאסיג אז מיר זאלן זיך צוזאמקומען ווידעראמאל צו אנאנסירן די אויסוואהל פון א פערמאנענטע דענקמאל וואס וועט באעהרן די לעבנס פון ליבשאפט, איבערגעגעבנקייט און גוטהארציגקייט וואס זענען געלעבט געווארן דורך יעדע פון די קורבנות פון די רשעות'דיגע אקט. מיר וועלן פארזעצן צו באעהרן זייער אנדענק, ווי עס קומט זיך זיי."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין, קריסטאל פיפלס-סטאָוקס, האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי און פאמיליעס זעצן פאר זיך צו היילן אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די 2'טע יארטאג פון א טראגישע טאג אין באפעלאו'ס היסטאריע. מיר זענען א שטארקע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטי, די 'שטאט פון גוטע שכנים', און מיר וועלן פארזעצן צו דארפן אנגייענדע שטיצע. איך טוה אויסלויבן גאווערנער האקול, מעיאר בראון, גייסטליכער בלוּ און די מיטגלידער פון די 5/14 קאמיסיע פאר זייערע באמיאונגען צו אויסוועהלן א דעזיין פאר די דענקמאל צו באעהרן ווי עס דארף צו זיין די לעבן און זיכרון פון די וועם מיר האבן פארלוירן צו א זינלאזע אקט פון אינלענדישע טעראר. איך קוק ארויס צו ארויסהעלפן און זעהן די פארטיגע פראדוקט."

**באפעלאו קאָמאן קאונסיל מאיאריטעט פירערין, ליע מ. האלטאן-פּאָופּ, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די צווייטע יארטאג פון די ראסיסטיש-געטריבענע מאסן מארד פון 10 אומשולדיגע לעבנס אין אונזער קאמיוניטי, וועט די דענקמאל נישט נאר זיין אן אנדענק פון זייער טראגישע פארלוסט, נאר עס וועט שטיין אומבויגזאם אין אונזער געמיינזאמע פארפליכטונג צו באקעמפן ראסיזם, פיינטשאפט און האסע. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו קעמפן קעגן ראסיזם אין אונזער לאנד און זיך רוקן אויף פאראויס, זאל די דענקמאל שיינען אלס א סימבאל פון אנדענק, שטארקייט און סאלידאריטעט קעגן נעגאטיווע מיינונגען און געוואלדטאטן. איך דרוק אויס מיין דאנקבארקייט פאר גאווערנער האקול, מעיאר בראון און די איבערגעגעבענע מיטגלידער פון די 5/14 דענקמאל קאמיסיע פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו די דענקמאל."

**קאונסיל מיטגלידערין זעניטע ב. וועערהאַרט האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די צוויי יאר פון 5/14, קוק איך צוריק נישט נאר אלס די קאונסיל פרוי פון די מעסטען דיסטריקט אדער אלס אן ערוויילטע באאמטע — נאר אויך אלס א מאמע וואס האט געפיהלט די שוידערליכע ווייטאג פון גאן פארברעכן ערשטהאנטיג. מיין זון'ס רייזע צו ערהוילונג זאגט עדות איבער די פעסטקייט פון אונזער קאמיוניטי, אבער עס איז אויך א קלארע דערמאנונג פון די וואונדן וואס זענען איבערגעלאזט געווארן דורך דעם טראגישן טאג פון 5/14. אזוי ווי מיר באעהרן די אנדענק פון די וועם מיר האבן פארלוירן און מיר זעצן פאר צו שטיצן די וועלכע זענען פארוואונדעט געווארן און וועלכע ערהוילן זיך נאכאלץ — לאמיר נישט פארגעסן די טיפע וואונדן וואס בלייבן נאכאלץ אין אונזער שטאט און קאמיוניטי. די אויפדעקונג פון די ענדגילטיגע דעזיין פאר די דענקמאל רעדט זיך נישט נאר פון אויפשטעלן א מאנומענט — נאר עס רעדט זיך פון צוזאמוועבן די פעדעמער פון אונזער געמיינזאמע טרויער און שטאנדהאפטיגקייט צו ווערן א סחורה פון אנדענק און האפענונג. זאל די דענקמאל שטיין אלס א לייכטורעם פון אחדות און גערעכטיגקייט, דערמאנענדיג אונז אלע אז מיר שטייען שטערקער צוזאמען קעגן ראסיזם, האסע און געוואלדטאטן. איך וויל אויך באדאנקען גאווערנער האקול, מעיאר בראון און מיטגלידער פון די קאמיסיע פאר אונזער מיטגעטיילטע געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט צו באעהרן די אנדענק פון די וועם מיר האבן פארלוירן אום 5/14."

**__5/14 דענקמאל קאמיסיע__**

די קאמיסיע איז אויפגעשטעלט געווארן אין אקטאבער 2022 דורך גאווערנער האקול און מעיאר בראון אין רעאקציע צו די מאסן שיסעריי ביי א Tops Friendly Market געשעפט אויף Jefferson Avenue אין מאי פון 2022. די 5/14 דענקמאל קאמיסיע באשטייט פון עלף מיטגלידער, פינף פון זיי באשטימט דורך די גאווערנער, נאך פינף באשטימט דורך סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן בראון און איין פארזיצער באשטימט דורךביידע צוזאמען. באפעלאו NAACP פרעזידענט, גייסטליכער מארק ע. בלו, דינט אלס פארזיצער פון די קאמיסיע מיט אנדערע מיטגלידער אריינרעכענענדיג פאמיליע מיטגלידער פון קורבנות און איבערלעבער, איינוואוינער, לאקאלע ארטיסטן און ביזנעס פירער. פאר מער אינפארמאציע איבער די 5/14 דענקמאל קאמיסיע, באזוכט www.514memorial.com.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן